* * *

איבער איין בחינם געקוילעטן,
איבער אָן איין איינציקן געקעפּטן,
ווער קאָן דען אויסשרייען, ווער אויסוויינען,
דעם קוואַל פון טרערן, דעם אומדערשעפּטן.

עס גראַטשן זיך דאָך די נעגל אַריין
אין גערינצל פון אייגענע הויטן,
דעם נאָמען בלויז זיך דערמאָנענדיק
פון אַ נאָנטן פאַרשטאָרבענעם טויטן — — —

אָ, אומזיסט־אומנישט אַזוי פיל נאָנטע
יסורים׳דיק פאַרפייניקט אויסגעליטן,
און נאָך גרעסער די עינויים און צער
פון די וועם דער טויט האָט אויסגעמיטן — — —

יאָ, די ביטערסטע רייד, די בייזעסטע,
בלוט־לאָז און בלייך זיי מוזן דאָך ווערן;
יעדער בילד־פאַרגלייך, דער שוידערלעכסטער,
אויף שבעה־זאָקן קוים צו דערהערן —

* * *

אָ, שוועסטער און ברידער, איר מיליאָנען,
שטיל און הייליק ווערן מיינע שפּרייזן,
און אין טאָג פון זיג, נישט פון נקמה,
ווען האַרץ וועט פול ווערן מיט דערלייזן, —

ווי ס׳טאַפּט זיך דאָס אַרום די געטאָ־ווענט,
אַ לעבעדיקן שאָרך צו דערהערן;
יעטווידער שטיין, אויף וועג פון באַפרייען,
אַ מיילן־שטיין אַזאַ ער וועט ווערן, —

אַ הייליקער אַקער די גאַנצע ערד,
אַלע כּלי־זיין — איין אַקער־אייזן!
און ווי אַ פּויער שווער און פאַרשוויגן
מיט מיין שטילן טרויער אין מיינע שפּרייזן, —

אַ מצבה־שטיין „פּה נטמן" צעקריצט,
שטיין בלייבן ס׳וועט מיין האַרץ אינדערמיטן,
פאַר יעטווידן פון אייך, וואָס וועט פעלן,
יסורים׳דיק פאַרפייניקט אויסגעליטן.

פאַרלאַג און דרוקעריי י. נאַראָדיצקי,
131־129 קאַוועל סטריט, לאָנדאָן.

~~33~~
~~37~~ 36

לאָנדאָן ווייטשעפּל 15־טער פעברואַר 1943.

# יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

## אַ שבת נאָכמיטאָג

די פונקציעס איצט פונעם יידיש־ליטעראַרישן שבת־נאָכמיטאָק זיינען בעיקר צו אינפאָרמירן, אָנצוהאַלטן די פאַרבינדונג מיט דעם וואָס ס׳טוט זיך און ווי ס׳האַלט אין דער יידיש־ליטעראַרישער וועלט, צו בלייבן באַהעפט מיט דער לעבעדיקער שעפערישקייט אונזערע; און מיט־באַמיענדיק זיך אין אונזער גייסטיקן שווערן קאַמף און כסדר אין טאַקט מיט אים בלייבנדיק, אַזוי אַרום גייסטיק כאָטש אָפּראַטעווען אונזער ישוב דאָ, ער זאָל נישט ווערן חלילה אינגאַנצן קיין אבר מדולדל. אונזער קיבוץ דאָ, אַ חרפּה צו זאָגן, איז נאָך נישט דערוואַקסן צומאָל צו האָבן אַ ליטעראַרישע וואָכנשריפט, אַ חודש־זשורנאַל, נישט אפילו אַ יערליכן אַלמאַנאַך; עפּעס אַזוינס, אַזאַ גייסטיקן מינימום, וואָס דער קליינסטער יידישער מקום אין־דערהיים האָט עס דאָך געהאַט! זיינען די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס דער „יהי רצון" — — אונזערער, אפשר, אַז מיר וועלן אַזוי לאַנג וועלן און אַזוי שטאַרק איבערצייגט זיין ביז דער ווילן וועט אַזוי פעסט ווערן אַנדערע צו קענען מאַכן גלויבן אין אים, וועט סוף כל סוף אויך מוזן פאַרווירקלעכט ווערן דער רצון.

דערווייל זיינען די ליטעראַרישע וואָכנשריפטן דאָ, די חודש זשורנאַלן און קולטור אַלמאַנאַכן, די שבת־נאָכמיטאָקס צווישן די פיר ווענט פונעם גרויסן זאַל אינעם „שעלטער" — עס איז דער „עמו אנכי בצרה" מיט אונזערע ברידער און שוועסטער צווישן די געטאָ־ווענט!... עס איז דאָך זייערע שאַפונגען (וואָרים ווו איז דען געשאַפן געוואָרן אונזער נייע ליטעראַטור? און דאָס וואָס ס׳צייטיקט יעצט אַנדערשוו, אין ניו־יאָרק, מאָסקווע, תל־אביב, צי דאָס קליינע ביסל דאָ אין אונזער קיבוץ — עס זיינען דאָך די פּירות פון זייערע זוימען!) וועלכע מיר לעזן און צו וועלכע מיר הערן זיך צו און „זייערע ליפּן באַוועגן זיך־מיט אין זייערע קברים".

אָבער איינס פון די אויפגאַבן איז אויך צו דערמאָנען די ימים־טובים פון אונזער ליטעראַטור, די יובילעאומס פון אונזערע גייסטיקע שאַפערס מיטצופייערן, און אויסדריקנדיק אונזער טיפע פאַרערונג טריפט העמלט

אַריין אַ טראָפּעלע פרייד אינם טרויער פון אונזערע בדמיך־חיי־טעג. אַזעלכע פייערונגען פול מיט אינערליכן גלויבן אין אונזער ווייטערדיקער גייסטיקער און שעפערישער עקזיסטענץ, וואָס האָבן דערהויבן אונזערע הערצער ווי סימבאָלישע האַנדלונגען, ווי רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען געווען צווישן אַנדערע, די 100־יאָריקע פייערונג פון אברהם גאָלדפאַדן, מאָריס ראָזענפעלד׳ס 80־טער געבוירן טאָג און אברהם רייזען׳ס יובילעאום.

האָבן מיר זיך איצט דעם לעצטן חודש אויך דערמאָנט אין אַ דאַטום, אין אַן אונזעריקן, אין אַ ריין לאָקאַלן, אַן ענג־פאַרבונדענער מיטן שאַפן פון אונזער ישוב דאָ; אפשר וועט ער אויך זיין אַמאָל אַ קליינער פאַרבינדונגס־רינג אין דער גאָלדענער קייט פון אונזער יידישער ליטעראַטור; אפשר וועט דער דאַטום זיין אַמאָל אַ שטיקעלע אינפאָרמאַציע פון אונזער תוהו ובוהו׳דיקן העליטאַנטישן ישוב דאָ, אַ דערמאָנונג פון אַ שעפערישן געראַנגל כאָטש — מיט פינף און צוואַנציק יאָר צוריק איז דער ישוב דאָ „אַרויס פון כאַאָס" מיטן ערשטן געשאַפענעם פּאָעטישן בוך דאָ אין יידיש! דאָס איז אַ דאַטום נישט נאָר פאַרן מחבר, וואָס דאָס איז זיין ערשט בוך, נאָר פאַרן קיבוץ דאָ, ווייל ס׳איז די ערשטע דיכטונג וועלכע איז אַרויס דאָ אין אַ בוך־פאָרעם. געמיינט נאָר אַ דאַטום צו דערמאָנען, דאָס דערשיינען פון משה עובד׳ס בוך „אַרויס פון כאַאָס" פאַר 25 יאָר צוריק, אַן אַריינפיר־וואָרט געבן איבער זיין ערשטן בוך און דער מחבר זאָל פאַרליינען פון זיין ווערק, אָבער אַרויסגעקומען איז אַן אמת׳ע פייערונג. אַלע באַטייליקטע פון די שבת־נאָכמיטאָקס, די מיטהעלפערס מדי שבת בשבת, אַלע זיינען געווען באַטייליקט מיט רעציטאַציעס, מיט פאַרלייענונגען, שרייבער חברים און קינסטלער זיינען אַרויפגעקומען און אַ יום טוב׳דיקע אַטמאָספערע מיט זיך מיטגעברענגט און צווישן עולם איז געווען די שטימונג פון אַן אייגענער היימישער שמחה.

מ׳מוז קאָנען אונזער ישוב דאָ, די נעבעכדיקע און קאַלטע באַציאונג צום געשאַפענעם יידישן וואָרט מצד די וואָס זיינען איר נאָנט, און די שנאה, ממש, פון די, וואָס ווילן דווקא זיין פאַרפרעמדט, כדי אָפּצושאַצן משה עובד׳ס אַקטיוויטעט און זיין ליבע צו דער יידישער קולטור און אירע שאַפונגען — זיין אַקטיוויטעט פאַרדיכטעט ערשט און פאַרטיפט זיינע הימנען צו „יידיש"! און נישט בחנם איז ער אויך איינער פון די אינטענסיווסטע מיטאַרבעטער און הויפּט־טוער פון די, אין דער יידישער גאַס פּאָפּולער געוואָרענע, יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס. און טאַקע די געגנזייטיקע באַציאונג צו זיין פערזענליכקייט און זיין אַרבעט האָט זיך געפילט אין דעם כאַראַקטער און אין די שטימונג אינם נאָכמיטאָק געווידמעט זיין ערשטלינג בוך „אַרויס פון כאַאָס", וואָס איז דאָ דערשינען פאַר 25 יאָר.



דער באַקאַנטער שוישפּילער יידל גאָלדבערג, נאָכדעם ווי ער האָט מיט עכטן פּאַטאָס רעציטירט דאָס ליד „יידיש" פון משה עובד, האָט קינסטלעריש פיין און מיט אַקטיאָרישן טעמפּעראַמענט דעקלאַמירט די פּאָעמע „צדוק ומרים". מ׳האָט דייטלעך אַרויסגעפילט דעם טראַגישן און נאַאיוון הומאָר און דאָס באַלאַדישע, וואָס גיט דער פּאָעמע דעם חן פון יידישן געשאַפענעם וואָרט. די שוישפּילערין דאָראַ דימענט האָט געלונגען און מיט עסטעטישן געשמאַק אָפּגעקליבן אייניגע „אַנטיקן" פון „וויזיאָנען און איידלשטיינער". פון יעדן אויסגעהעמערטן קאַפּיטל האָט דאָס איינגעפאַסטע אַרויסגעשעמערירט מיטן פאַרפאַסער׳ס געשליפענעם איינפאַל און וויץ.

נאָך דעם פאַרזיצער׳ס פאַר ווערטער, אַז משה עובד׳ס פּאָעטיש שאַפן הויבט זיך ערשט אָן נאָך זיין „אַרויס פון כאַאָס" — מ׳מוז צוערשט אַרויס פונם אַמאַטאָרישן תוהו־ובוהו, כדי דאָס וואָרט זאָל זיך קאָנען אויספאָרמען אין געשטאַלט פון אייגענעם געשטאַלט און אין בילד פון אייגענעם בילד! — און אויב אין זיין ערשטלינג־בוך איז דאָ די עכטע בענקעניש, איז שוין צוגעפינען אין די „לעבענס לידער" און „וויזיאָנען און איידלשטיינער" פיין געפאָרעמטס — האָט י. ביטש, דער פאַרזיצער פון בן־אורי און אויך איינער פון די אַקטיווע מיטטוער פון די שבת־נאָכמיטאָקס, געהאַלטן דעם רעפעראַט איבער משה עובד׳ס קולטור אַרבעט אין יידישן לאָנדאָן. אין נאָמען פון „יידישן קולטור קלוב" האָט וואַרעם און באַגייסטערט באַגריסט די סעק. פונם קלוב פרוי פ. לעסמאַן. י. א. ליסקי האָט באַגריסט אין נאָמען פונם „זשורנאַליסטן און שרייבער פאַראיין" און אויך גערעדט איבער משה עובד׳ס קינסטלערישע פאָרעם פון שאַפן. בן־א. סאָכאַטשעווסקי און ס. פּאַלמע האָבן גערעדט איבער עובד׳ן דעם לאָנדאָנער פּאָעט און נאָנטן חבר דורך די אַלע צענדליקער יאָרן דאָ און איבער זיין אמונה און ליבע צום יידישן וואָרט און זיין ווירקונג דאָ אין ישוב בכלל. מלכה לאָקער און דער מאָלער אַלוהאַ האָבן באַגריסט אין אים דעם קינסטלערישן מענטש מיט נאַטירליכע נייגונגען צום פאָרמען און נישט מיטן וואָרט אַליין און דעם פיין־פילנדיקן עסטעט. שלמה אויערבאַך האָט גערעדט איבער עובד׳ן דעם יורש פון די נביאישע עטיק. י. לאַנדאַ האָט דערציילט אַן אַנעקדאָט פון דער ווינער ביבליאָטעק אין שייכות צום בוך „אַרויס פון כאַאָס". עס האָבן זיך נאָך באַטייליקט א. מ. קייזער און דער שוישפּילער שלמה קאָהן. אייזיק גאָלדבערג, נאָכן פאַרלייענען זיין באַגריסונג אין נאָמען פון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס, האָט פאַרגעלעזן קאַפּיטלעך פונם „אַרויס פון כאַאָס".

ס׳איז אויך געקומען אַ באַגריסונגס־דעפּעשע פונם פאַרלעגער י. נאַראָדיצקי, וועלכער געפינט זיך שוין זינט אַ צייט אין שפּיטאָל. מיר האָפן אים באַלד צו זען געזונטערהייט צוריק ביי זיין וויכטיקער אַרבעט.

ער איז דאָך אונזער איינציקער דרוקער־פֿאַרלעגער דאָ פֿון יידישן־ און העברעאישן וואָרט.

משה עובד׳ס ענטפֿער איז געווען, נישט נאָר אויף די באַגריסונגען און אויף דעם כבוד, וואָס מ׳האָט אָנגעטון זיין ערשטלינג־בוך, נאָר אַן ענטפֿער ווי אַזוי יעצט מיר זאָלן אַרויס פֿון כאַאָס, ווי אַזוי דער מענטש זאָל צוריקקומען צו „הער גאָלדענער צייט־אַלטער", ווי אַזוי מיר זאָלן צוריק געפֿינען דעם וועג צום „עץ־החיים" און „עץ־הדעת". זיין גייסט־רייכקייט פֿון תמיד, וואָס בליצט פֿלינק אויף און פֿאַרבליצט ווי דאָס באַ־וועגן זיך פֿון אַ געשליפֿענעם איידלשטיין, איז יעצט געווען האַמעטנער און צוריקגעהאַלטן, ווי אַרויסגעריסענע שטיינער, ווען מ׳רייסט אַרויס פֿון זייערע טיפֿענישן, אויסגעשליפֿן צו ווערן צו צעפֿינקלטע פֿרישע איידל־שטיינער.

ס׳איז געווען אַ היימישער פֿייערליכער שבת־נאָכמיטאָג און אַ גייס־טיק־דערהויבענער. דער עולם האָט דערפֿילט אַז ס׳איז זייערס אַ יום־טוב. אַז דאָס יידישע וואָרט איז סוף כל סוף דאָך נישט געבליבן אינגאַנצן אַ פֿאַרשעמטס דאָ — דאָס געשאַפֿענע וואָרט איז די באַשיצנדיקע קמיע פֿון אַ קיבוץ!

משה עובד׳ס בוך, אַרויס דאָ אין לאָנדאָן מיט 25 יאָר צוריק, איז פֿאַרן יידישן שאַפֿנדיקן ישוב דאָ מער ווי אַ האַטום — ס׳איז אַן אָנהויב, מיט דעם בוך איז דער ישוב דאָ „אַרויס פֿון כאַאָס". און אפֿשר וועט עס אויך אַמאָל ווערן אַ קליינער פֿאַרבינדונגס־רינג, פֿון דעם אויף דערוייל ערשט און דעם שוואַכן און כמעט נאָך דילעטאַנטיש דאָ געשאַפֿענעם, אין דער גאָלדענער קייט פֿון אונזער יידישער ליטעראַטור.

° ° °

אָ, אונזער גרויליכער גרויזאַמער איצט! מיר ליגן ווידער „צווישן די קאָוואַדלע און האַמער", אין טויזנט רינגען איז צעשפּרונגען די שדרה פֿון אונזער שאַפֿן!! אַז אונזער לעבן זאָל נאָך כאָטש זיין אותיות פּורחות באויר, מוז יעטווידעס רינגעלע טייער און הייליק אונז ווערן — ס׳איז די ליבע צום יידישן וואָרט, וואָס פֿאַרבינט אונז נאָך און פֿאַראייניקט אונז! דאָס דערפֿילן דעם צער פֿון אומקום, דאָס איז דאָך די אומשטאַרבליכע שאַפֿונג־פֿרייד פֿון אַ נצחדיק פֿאָלק — — — יעדער מינדסטער יידישער מקום מוז עס דאָך קענען ווערן! דער קלייִנסטער קבוץ מוז דאָך צייטיקן איצט מיט די פּירות פֿון זיין אָפּשטאַם. אָ, אַז אונזער שוואַכער דור אַצינד מוז זאַפּטיקן מיטן בלוט פֿון אַזויפֿיל קדושים.



# אייזיק גאָלדבערג׳ס באַגריסונג אינם נאָמען פֿון די יידיש־ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָגס

איך בין נישט באַרופֿליך בכח אָפּצושאַצן אַ דיכטער, אָבער אַלס ליב־האָבער פֿונם יידישן וואָרט און צום שרייבער אַלס מענטש, ערלויב איך מיר איבערצוגעבן מיין מיינונג און איינדרוק איבער דעם דיכטער משה עובד.

אין זיין געשריבענעם וואָרט אַלס דיכטער, און אויך אין זיין לעבע־דיק וואָרט אַלס רעדנער, איז משה עובד באַשאַנקען מיט אַ טיף און שטאַרק סענטימענטאַלער נשמה.

נאָך אַ קורצער צייט פֿון מיין אָנקומען נאָך לאָנדאָן, האָב איך דאָס ערשטע מאָל באַגעגנט דעם דיכטער משה עובד, שוין אין מלחמה צייט, אויף אַ באַנקעט וואָס איז געמאַכט געוואָרן אין אַרבעטער־רינג. איך האָב דעמאָלט געהאַט דאָס גליק צו זיצן פּנים אל פּנים צו אים.

אין זיין באַגריסונגס וואָרט האָב איך אויסגעפֿונען דעם סענטימענ־טאַלן, פֿאָלקסטימליכן, יידיש־חנ׳עוודיקן קלאַנג פֿונ׳ם דערזאָגטן און מליצה׳דיק נישט הערזאָגטן וואָרט. ווי איך האָב עס שפּעטער, אָפּטמאָל ביים הערן אים רעדן, באַמערקט, האָט משה עובד שטענדיג ליב עפּעס נישט צו דערזאָגן... אויך דעמאָלט האָט ער אין זיין באַגריסונגס וואָרט אָפּגעהאַקטע און פֿאַרענדיקט מיט אַ מליצה׳דיקן אויסרוף: „נו בעט איך מ׳זאָל מיר איצט אַפּלאָדירן!"

איך האָב אים שפּעטער פֿיל מאָל געהערט רעדן.

איינמאָל, ביי דעם ערשטן לאָנדאָנער בליק, וואָס איז געווען שבת אין לאָנדאָן דאָקס, האָט משה עובד גערעדט אין „רידינג רום" איבער „די יסודות פֿון געטלעכקייט", אָנווייזנדיק אַז ער האָט אויסגעפֿונען אַ גלויבן, וואָס קאָן די מענטשהייט גליקליך מאַכן און פֿאַראייניקן.

הערענדיק די קראַכן פֿון די באָמבעס דרויסן, איז מיר געקומען אויפֿן געדאַנק, אַז עס איז באַלד ענליך צו די קולות וברקים פֿונם באַרג סיני... דער פֿאָרטראַג איז אָבער איבערגעריסן געוואָרן, נישט פֿון די באָמבעס דרויסן, דאָס האָט משה עובד׳ן גראָד נישט געשטערט, נאָר דורך אַ צו־הערער ביי וועלכן עס איז שיער נישט געקומען צו אַ מחלוקה. דער צו־הערער האָט אָנגעוויזן אַז דער פֿאָרטראַג איז שטאַרק אַפּיקורסיש, פּשוט אַטעאיסטיש... דער פֿאָרטראַג, אַן און פֿאַר זיך, איז געווען זייער אינטע־רעסאַנט. שטעלנווייז האָט משה עובד זיך דערהויבן איבער דער מענטש־הייט און געוואָלט לייזן דעם שוין אַזוי פֿאַרוויקלטן טויזנטער יאָריקן רע־טעניש... אין אַלגעמיין האָט דער פֿאָרטראַג ביי מיר געמאַכט דעם איינ־

דרוק פון אַ פאַרצוויפלטער גאָט־זוכעניש. עס איז אָבער באַלד געקומען צו אַ שלום, דורך דעם וואָס משה עובד האָט צוריקגעצויגן זיין וואָרט. איך האָב באַמערקט, אַז ער האָט דערפון געהאַט עגמת־נפש, שוין דער־פאַר, ווייל ער איז איבערגעריסן געוואָרן נאָך איידער ער האָט פאַרענדיגט זיין נישט דערזאָגטעס...

אַהיימגייענדיק האָב איך אים געטרייסט מיט די ווערטער, אַז די מענטשן פאַרשטייען אים נישט. ער איז דאַכט זיך געווען צופרידן פון מיין טרייסטן אים.

און אַזוי ביז צולעצט, הערענדיק משה עובד'ן ביי די ליטעראַרישע שבת־נאָכמיטאָקס, זיינען עס פאַר מיר נישט קיינרעדעס, נאָר קאַפּיטלעך פון אַ נישט אויפגעשריבענעם בוך, פול מיט האַרץ און נשמה, און אויך זיי בעטן זיך, שרייבט מיך אויף!...

אַלענפאַלס זע איך ביים היינטיקן טאָג נאָדאימער דעם זעלביקן, סענ־טימענטאַל־פּילפּאַרביקן און יידיש־חנ'עוודיק נישט דערזאָגטן משה עובד.

און צום היינטיקן יובל ווינטש איך דעם דיכטער און פריינט משה עובד: אייער כח אין שרייבן, אויך אייער לעבעדיק וואָרט, זאָל וויטער געשטאַרקט און פאַרצווייגט ווערן, און דינען אַלס אַ היילונג פאַר די איצט שווער געפּלאָגטע, ליידענדע מענטשהייט, און אויך אַלס אַ גייסטיקע שפּייז פאַרן יידישן פאָלק!

---

## דער באגריסונג-בריוו פון י. ה. לעווי

לכבוד דער פייערונג פון משה עובד, אויף וועלכער ס'איז מיר ליידער נישט מעגלעך פערזענלעך אַנטייל צו נעמען, שיק איך איבער די האַר־ציגסטע ברכות.

משה עובד איז אַ טיפּזיניקער אינדיווידואַליסט, פון זיינע מיסטישע געזאַנגען דערהויבט זך דער יידיש־נביאישער פלאַם — געלייטערט פון יושר, אמת, ליבע און שלום צו דעם גאַנצן קאָסמאָס און צו יעדער בריאה. אַזוי פשוט און ענוות'דיק ווי ער איז אין זיין לעבן, אַזוי דערהויבן און פירשטלעך איז ער אין זיין טרוימען... אינ'ם שטערבלעכן געביין טראָגט משה עובד די ליכטיק־אומשטערבלעכע אידעאַלן — צעהעלט מיט דער גלאָריע פונם אומצעשטערבאַרן יידישן בטחון, וועלכער האָט אונז שוין פון די פינסטערסטע מחבריות אַרויסגעפירט... ווי אַ פאַר'עקשנ'טער זון פון זיין אייביק ליידנדיקן פאָלק זינגט ער פון יעדן פינסטערסטן און בלוט־טיקסטן נעפּל אַרויס:



איך האָב געהערט אייער געזאַנג,
און געטרונקען אייערע טרערן —
איך שווער, איר וועט לעבן אייביק לאַנג,
אייערע יאָרן וועלן זיך מערן...

אָט דעם אידעלן, איבערגעגעבענעם און געטרייען יידישן זינגער ווינטשן מיר אויך אַז זיינע יאָרן און זיין קונסט זאָל זיך מערן, זאָל ער נאָך דערלעבן ווי זיין געקוועלט פאָלק און די ליידנדיקע מענטשהייט וועלן פון דעם אייביקן בלוטיקן „כאַאָס" אַרויס צו פרייהייט, ליבע, שלום און גליק, דאָס ווינטשן מיר אים אַלע פון גאַנצן האַרצן.

מיט דרך ארץ און ליבע אייער איבערגעגעבענער

יוסף הלל לעווי.

---

א. נ. שטענצל.

## א באלאדע פון א פינטעלע

(משה עובד'ן צום 25־טן יאָר פון זיין „אַרויס פון כאַאָס")

אין אַ נאַכט, אַ תוהו־ובוהו'דיקע, —
צווישן שדים און רוחות אַ ווילדער שפּיל! —
איז אַראָפּגעפאַלן אַ שטיק פינסטערניש,
פאַר אַ נעפּל־פענסטער מיט יוועלן פיל.

איז עס געווען דאָס פּינטעלע ייד,
ווייל ס'האָט ליכט־בענטשענדיק אויפגעשיינט?
אָדער אַ שוואַרצער צעפינקלטער רובין,
וואָס גאָט אַליין האָט זיין שכינה באַוויינט?

און אפשר איז עס גאָר ביידעס געווען,
איינס אינם אַנדערן געפּאַסט און געשמידט,
און דערפאַר טאַקע הער תוהו־ובוהו,
ווייל טאָמער וויל רייך ווערן דערפון דער ייד?

איז פאַרהאַן דען אַ גרעסערער אַנטיק,
כביכולת טרער־פאַרגליווערטער רובין!
אַ גין־גאָלדן פינטעלע אַ געהעמערטס,
קונציק אַוועקגעשטעלט אויפן „שדי"־שין!!

אָ, דער תוהו־ובוהו אין יענער נאַכט —
וואָרים אַ ייד איז געווען דער יוועליר — —
ס׳האָט דאָך געהאַנגען אַ מזוזה־שיידל,
אויפן ביישטידל אויבן, איבער זיין טיר.

און ס׳איז געווען שוין איינמאָל אַ קונציקס,
אַ בלינד מציאה׳לע וויפיל נאָר ס׳באַטרעפט!
אַז געקאָנט מיינען ס׳האָט יעדער רוח און שד:
נישט אַ מזוזה — אַ שילד גאָר פאַר געשעפט!

וואָס נישט געווען און וואָס נישט געזאָלט זיין — —
ס׳האָט לויטער געליכטיק דער ווילדער כאַאָס!
ס׳פינטעלע איז נישט אין שייבן שויפענסטער —
ס׳איז געפאַלן אין אַ יידישליכן אות!

אין אַ „בית“, און טאַקע דאָ־אָ אויף דער שילד,
און געוואָרן פון „יוועלאַר“ — „יובעלאַר“!
ווי געציטערט ס׳האָט דאָס דער סוחר אין ייד,
אַליין אַזש געוואָרן אַן עוקצל צער —

יאָ, געלייטערט און געהעמערט און געשמידט
ס׳ווערט טייערסטער יוועל אַ טראָפּעלע פיין — —
וואָס זיינען די פערל־שנירלעך אין פענסטער
אַנטקייגן די טרערן פון מאַמעס געוויין?

און יעדער מינדסטער מענטש האָט דאָך אַ מאַמע!
און יעטווידע פרוי קאָן עס דאָך הייליק זיין!!
אין יענער ווּיסטער נאַכט ס׳האָט אַ מענטש הערזען
פון גאָט כביכול די טהערן אַליין — — —

זיצט ער ליכטיק־טרויריק אין זיין שויפענסטער,
אין אַ שנירל זיי אויפצוציען באַמיט,
און דעם שוואַרצסטן רובין — נישט צו פאַרקויפן! —
שלייפט ער אין זיין האַרצן דאָס פינטעלע ייד.

און ס׳נס טאַקע אין יענער נאַכט איז געווען,
אין דעם שדים׳דיקן אַהער און אַהין,
ס׳גאָלדענע מזוזה־שיידל אויף זיין טיר,
מיטן קונציק־געהעמערטן „שדי“־שין.



י. ביטש.

## משה עובד דער דיכטער און מענטש

עס איז 25 יאָר זינט דאָס בוך „אַרויס פון כאַאָס“ איז ערשינען. וועגן דעם ווערק קען אַ סך געזאָגט ווערן. איך וויל נאָר אונטערשטרייכן אַז משה עובד אין זיין בוך האָט אַ נייגונג צום ראָמאַנטיזם וואָס באַמיט זיך צו שילדערן דאָס ערהאַבענע, דאָס איבערמענטשליך זיטליכע אום אויסצוראָטן דאָס שלעכטע, און אַלס ראָמאַנטיקער הערן אויף אים צו באַפרידיקן די ווירקליכקייט, ער בענקט נאָך עפּעס וואָס איז וווּנדערלעך שיין אין דעם פּאָעטישן נעפּל.

עס איז נישט אַנגענעם צו זאָגן שבחים אָדער דאַנקען אַ מענטש ווען ער האַלט אין מיטן פון זיין שאַפן. עס איז אָבער דאָ ציטן ווען מען מוז אַנערקענען דעם ווערט פון זאַכן וועלכע דערגרייכן די חשיבות פון געוויסע אמתן וואָס כאַראַקטעריזירן דעם צייט גייסט. עס איז בלי ספק אַז די לעצטע 25 יאָר זיינען געווען שטורמישע אין דער מענטשליכער געשיכטע. און פאַר אונז יידן איז עס געווען אַ טראַגישע צייט. נישט בלויז איז אונזער נפש געשטאַנען אונטער אַ פראַגע־צייכן פון טויט, נאָר דאָס גאַנצע גייסטיקע און קולטורעלע יידישע לעבן איז אין סכנה.

משה עובד אין זיין בוך „אַרויס פון כאַאָס“ זוכט אַן ענטפער אויף די אַלע פּראָבלעמען, און דורך זיין דיכטערישע קראַפט זוכט ער אַ וועג אויפצוהויבן דעם גייסט ביי דער מענטשהייט וואָס ראַנגלט זיך אין אַ כאַאָטישן צושטאַנד און קען קיין תיקון נישט געפינען. דער דיכטער בעט ביי דעם רבונו של עולם, ממש ער מאָנט צו באַזיצן דעם רוח הקודש צו שטאַרקן זיין אייגענעם גייסט, כדי מיטצורייסן די מענטשהייט מיט זיך אויף דעם גייסטיקן לייטער פון די ריינע ליבע, צו דערנענטערן זיי צו אַ האַרמאָניש און גליקלעך צפּזאַמענלעבן.

אין אָנפאַנג פון זיין בוך דריקט זיך משה עובד אויס מיט די פאָלגענדע ווערטער:

„אָ גאָט, גיב מיר פאַרשטאַנד צו לייזן די חידות און אַנטפּלעקן די סודות פון מענטש און זיין נשמה.

„אָ, לאָז דיין שכינה רוען אויף מיר און לאָז מיך נישט שטרויכלען אין וועג פון דיין שליחות“.

מען קען באַלד הערפילן דעם טיפן ראָמאַנטיזם וואָס שנירלט זיך דורך די בלעטלעך פון דעם ווערק. עס איז אויך אַ צוגאַנג צו די משיח־אידעאַלאָגיע. דאָס בוך איז דורכגעקנאָטן מיט אַ שטאַרקן געפיל פאַר דער ליידענדער מענטשהייט.

דער פאַרמעסט פונם דיכטער מיט די נבואה פון ישעיה, אַז עס וועט

קומען אַ צייט פון לויטער גוטסקייט, אָבער דער פסוק פון ישעיה הנביא באַציט זיך אויף ויהי באחרית הימים, וואָס עס מיינט אַז אין דער צוקונפט וועט קומען אַ גליקליכע צייט, אָבער משה עובד פאָדערט שוין איצט פון דער מענטשהייט אויפצוגעבן זייערע שוואַכקייטן און זינד, און דורך די אויפריכטיקע ליבע אַראָפּצוברענגען די גייסטיקע מלכות השמים, הגם דיזע טעמא איז אונערשעפּבאַר, און היינט ווען מיר זיינען געקומען אויסדריקן אַנערקענונג צו משה עובד פאַר זיינע דיכטערישע שאַפונגען איז נישט די צייט דעם ענין פילזייטיק צו ענטוויקלען. בכן מוז עס איבערגעלאָזט ווערן פאַר פאָרשער און דענקער צו באַהאַנדלען.

כמעט יעדער שרייבער פאַנגט אָן זיין ליטעראַרישע קאַריערע מיט פּאָעזיע און שירים, און דאַן פּראָזע. משה עובד אין דעם הינזיכט איז אויך נישט קיין אויסנאַם. זיין בוך „אַרויס פון כאַאָס” און דאָס ווערק „לעבנס לידער” זיינען פון די ערשטע, אָבער דאָס בוך „וויזיאָנען און איידלשטיינער” געשריבן אין פּראָזע פאַרנעמט אַ חשוב'ן אָרט אין דער יידישער מעמואַרן ליטעראַטור.

אַ באַדייטענדן פּלאַץ פאַרנעמט משה עובד ביי אונז אויף דעם קולטורעלן געביט אין לאָנדאָן, וועלכער איז טעטיק אפן העלפט ענטוויקלען אַ אינטענסיוו יידיש קולטור לעבן. ער איז נישט פון די אינטעליגענטן וואָס שטייען פון דער ווייטן און ביחידות לעבן זיך אויס מיט זייערע שאַפונגען. משה עובד איז מיט אַלע פעדעמלעך פון זיין נשמה צוזאַמענגעקניפּט מיט זיין פאָלק הן אין זייערע פריידן הן אין זייערע ליידן. עס מוז דערמאָנט ווערן אַז דער דיכטער איז אַ פּערטל יאָרהונדערט געשטאַנען אין דער שפּיצע פון דעם קונסט פאַראיין בן־אורי און פיל געהאָלפן אין דער איינזאַמלונג פון די ווערטפולע קאָלעקציע פון יידישע קינסטלער.

עס איז מיר אויסגעקומען צו זיין מיט משה עובד אויף פאַרשידענע צוזאַמענקונפטן, און נאָך זיינע אויסדריקע האָב איך געפילט ווי שטאַרק ער ליבט דאָס שיינע יידישע וואָרט. ווי ער אַליין האָט אַמאָל געזאָגט: „איך באַדויער פון די טיפענישן פון מיין האַרצן וואָס די יידישע שפּראַך גייט כמעט אונטער ביי דער יידישער באַפעלקערונג אין לאָנדאָן. איך בין זיכער אין דער ווייטערדיקער עקזיסטענץ פונם יידישן קולטורעלן לעבן וואָס איז שטאַרק און קרעפטיק און הויבט ערשט איצט אָן אַרויסצווייזן נייע כחות”.

איך קען משה עובד פאַר לאַנגע יאָרן, נאָך ווען ער האָט זיך גערופן עדוואַרד גוד, און איצט זע איך זיי ביידע אין איין גוף. גוד דער אַנטיקןסוחר און גוטער מענטש מיט אַ פילענד האַרץ און אַ ברייטע און אָפענע האַנט. און משה עובד דער שרייבער און דיכטער וואָס בענקט און זוכט אַ בעסערע און אַ שענערע וועלט. די צוויי ענג פאַרבונדענע קינדער, דער



גייסט און די האַרטע ווירקלעכקייט, די שטענדיקע ראַנגלענישן פון סוחר און דיכטער — ווער פון די צוויי וועט גובר זיין, דאָס בלייבט צו זען.

די היינטיקע אַקאַדעמיע וואָס ווערט געפייערט לכבוד אים, ווייזט אַז ער ווערט פאַררעכנט פאַר אַ פערזענלעכקייט און איז געשעצט און געאַכטעט ביי דעם יידישן עולם.

איך ווינטש משה עובד לאַנגע יאָרן פון שאַפן.

---

משה עובד.

## פון זיינע געדרוקטע ביכער

(פון זיין בוך „אַרויס פון כאַאָס”)

* *
*

איך האָב מתפלל געווען צו גאָט.

אָ, גאָט, פאַרוואָס לאָזטו מיך זיך אויסשעפּן טראָפּנווייז, זיך אויסברענען פונקנווייז? פאַרוואָס לאָזטו מיך נישט איבערגעבן דיינע רייד מיט איין פלאַקער, מיט איין גאָס, אין איין געזאַנג, אין איין אות, און עס זאָל זיין אַזוי אויסברעכונג־מעכטיק, עס זאָל מיין אָטעם אָפּשטעלן, מיין נשמה מיטרייסן און פליען ווי אַ בליץ אַריין אין די באַהאַלטענע חדרים פון יעדן מענטש וואָס לעבט, שטרעבט, וואַנדערט און זוכט די ערשיינונג פון דיין ליכט.

אָ, גאָט, אָ ווען? אָ ווען וועסטו שוין אָנצינדן דאָס גרויסע פייער?

האָט גאָט מיר אַזוי געענטפערט:

איך האָב דיך געשיקט צו אַ קוואַל פון ריינעם בוימל און הייליקן זאַלב־אייל, זאָלסט דאָרט אָנקשטעלן אַ ליכטל, פון מאַרך פון דיינע ביינער און קנויט פון דיין נשמה און עס אָנצינדן מיט אַ פונק פון דער יושר־ליבע.

ווען דאָס ליכטל וועט זיך גוט דערברענען און שוין האַלטן באַלד ביים אויסגיין, דעמאָלט ערשט, דעמאָלט וועט דאָס גרויסע הייליקע פייער אויסברעכן.

*
* *

נישט מיט חלומות און וויזיאָנען וועט איר פון די שפּיץ בערג פאַרטרייבן די שווערע, שוואַרצע וואָלקנס אָנגעזאַפּט מיט זינד, נאָר מיט אַ רעכטפאַרטיגעס, מענטשליכעס לעבן.

נישט מיט קריגס־שיפן, פלי־מאַשינען און דראָטלאָז און נישט מיט

תשובה, תפילה און צדקה וועט איר עוקר מן השורש זיין די ווערים פון קנאה און מיסטרוי און די געטער פון מלחמה און האַס, נאָר מיט ליבע, שיינקייט און גערעכטיקייט.

נישט מיט מליצות און לידער וועט איר צושמעלצן די גרויסע בערג אייזערנע פאַרזשאַווערטע קייטן און צומאַלן די פעק פאַרשימלט געזעץ־פּאַפּיר, נאָר מיט דעם פייער פון גייסט און ראָד פון שכל.

נישט מיט זאַלץ־וואַסער און שמעקעדיקע זייף וועט איר דערגרייכן ריינע לויטערקייט, נאָר מיט הייסע טרערן.

מיט הייסע טרערן מוזט איר אָפּוואַשן די טרעפּן וואָס איר האָט פאַר־שמוציקט און פאַרבלוטיקט, די טרעפּן וואָס פירן צום הויכן הייליקן טורעם.

און ווען איר קלאַפּט אין גאָט׳ס טויערן, זאָלן אייערע הענט זיין ריין פון בלוט.

---

(פון זיין בוך „לעבנס לידער״)

## א תפילה

גאָט, פאַרניכט אַלע מאַשינען וואָס קריכן און וואָס פליען,
אַלע קאָנקריטע פאַבריקן, אַלע שפּיציקע פּאַלאַצן,
אויך די שטיקער סקאַליטשעטע הימלען
זיי צובייזלן און צוקראַצן.

אין אַ פראָסט הייזל געבויט ווי אַן אינזל,
אין אַ נישט־צו־גלאָט אויסגעהיבלטן לעבנס־ארון,
גאָט, לאָז מיך דאָרט דיך דינען און אויסאָטעמען
דעם סוף פון מיינע יאָרן.

אָ, וואַרף אַ מענטשליכן מאַנטל איבער מיינע אַקסלען,
זע ווי שיין דו האָסט געקליידעט אונזערע אבות פריער.
אין מיינע יאַלדישע מלבושים און טויט־מעבלירטע הייזער
שעם איך זיך, גאָט, צו שטיין פאַר דיר.

## איך קום מיט א בשורה

איך קום מיט אַ בשורה,
בין שיכור פון פרייד,
זי צו דערציילן
האָב איך קיין רייד.



כ׳ווייס ניט מער
כ׳האָב געזען אַ ליכט
דורך וואָלקענעס
שטאַרק געדיכט.

כ׳האָב געזען דעם טאָג,
געקושט זיין פּנים
דורך בלוט און טרערן,
און בזיונות סמנים.

ס׳ליכט רייסט זיך אַרויס
מיט פייער אין די הענט,
צינדט אונטער די וועלט,
אָט זע ווי זי ברענט.

ווי די כנפי השכינה
ביי ירושלים׳ס טויערן
ציטער איך פון פרייד
און אין נעכט פון טרויערן.

(אַ פראַגמענט פון דער פּאָעמע „שכינתא בגלותא״)

* * *

זוך איך זי צווישן די שטערן,
ווען מיינע פינגער זיפּן דעם זאַמד,
זוך איך זי אין פייער פון אָפּאַל,
אין ליכט פון דעם בריליאַנט.

זוך איך זי אין טשוויטשערינג פון פייגעלעך,
אין די הוילע ביימער פון וואַלד,
אונטער די מצבות,
און אין וואָלקן איר געשטאַלט.

• • •

און ווען דו וועסט מיך אַרומזוכן,
אָ, געפין מיך נישט אַן אזרח,
צווישן די מחנה מיידן און יונגען,
וואָס פייפן און זינגען,
לשם פייפעריי און געזאַנג.

זאל נאך א ביסעלע קדושה
אין מיר דעמאלט פארבלייבן,
וואס זאל מיך קענען אויפהויבן,
איבער מגושם'דיקעס,
און פינף חושים'דיקעס.

## וו א ר ש א

ווארשא, דו כרך פון האנדעל, און נגינה,
פאר לאכער — וויינער, שטענדיגע ביהנע,
ווארשא, טיפען־רייכע ווארשא דו,
דער שמאטע האנדליארזש דיינער, דער איד,
וואס יעדער ווינק זיינער בריהט,
ער איז דיין גרויסער אוצר,

דיין וואונדער־סטאטוע,
דיין אינטענסיווער מאנומענטאלער טיפ,
אונטער יעדען ווינק, קנייטש און קריץ,
פון זיין נשמה ביז ליפ,
טראגט ער א טיעף באהאלטענע שפור,
פון דער שארפער ברוטאל־שעפפערישער דליטע,
פון גלות סקולפטור.

---

## געטא-פרילינג

(פון זיין בוך „וויזיאנען און איידלשטיינער")

דער פרילינג האט פאלקאם געזיגט, פארפלייצט מיט זריעה זאפט דעם אונטערערדישן לאנדאן.

בייגעקומען די אונטערערדישע ציוויליזאציע, פון „טיובען" און באנען, פון קאנאלן און רערען, געבויט פון אייזן און שטיין און דורכגעפלאכטן מיט דראטן פאר עלעקטריק, גאז, טעלעפאן און וואסער; דורכגעדרונגען אלע יסודות פון קאנקרעט בנינים. און ווו ס'איז נאר געווען א בוים אין א גאס, א גרעזל אין א גארטן, האט דער פרילינג שטראם זיך צוגעריירט צו זייערע נשמות און זיי דערקוויקט.



לאנדאן איז געווארן גרין באפלעקט. בלומען האבן געבליט אין דער סיטי און זיך אזש פארשעמט פאר דער אויפגייענדער זון. שטענגעלעך נאך שענער פון אויערינגלעך האבן ארויסגעשפראצט פון דעם שטיינערנעם, שטאלענעם לאנדאן, ווי אין ווענעציע אדער תל־אביב.

און די אלע זאכען האבן קיינעם נישט איבערראשט. פארלאמענט האלט אפ זיינע זיצונגען. די באנק ראטע איז זעקס פראצענט און ביזנעס איז ביזנעס.

מוירער, פארבערס, דעקאראטארס קלעטערן אויף הויכע לייטערס, שטעלן אויף פלאטפארמען, רעקאנסטרירן און פרישן אויף הייזער, פארלאטן פאלאצן — פרילינג לעבן איז געקומען!

אין א זונטיק פרימארגן בין איך ארומגעגאנגען איבער ווייטשעפל, געזוכט סמנים פון פרילינג צווישן מיינע ברידער און שוועסטער.

אבער איך האב נישט געפונען.

די גאסן זיינען געווען פול מיט אינטענסיווע טיפן. מער ווי וועלכער ס'איז געגנט אין לאנדאן. מ'מוז פארדרייען ס'קעפל אזוי לינקס, ווי מ'שטייט פאר א רעמבראנד יצירה, באגעגנענדיק די מאנומענטאלע געשטאלטן — ווי פינסטערע ווינטער־נעכט, אין וועלכע זילבערנע שטראלן דרינגען אריין דא און דארט. אבער איך האב אין געטא דעם פרילינג נישט געפונען.

שטייענדיק אזוי פארטרויערט ביי א פארוואנדעטן זייט־שניט פון דער געטא, זע איך ווי א שמאל געסל ווערט אנגעפילט מיט א הויכן ברייטן פארשוין. דער פארשוין קומט נענטער, שפרייזנדיק מיט ריזיקע טריט איבער מענטשן, קינדער, איבער קראמען און קרעמער, קומט נאך נענטער און איך דערזע אז ס'איז א פרוי.

ווי א שטורעם־ווינט איז זי פארבייגעגאנגען פאר מיינע אויגן, געלאזט אונטער זיך דאס שמאלע געסל ליידיק, און איז אריין אינ'ם ברייט אפענעם ווייטשעפל. זי האט אריבערגעשפרייזט די אייזערנע טראמוויי ליניעס, די ברייט פון דער ברייטער גאס, דעם געפערליכן רויש און פארקער, אומגעשעדיקט — ווי אירע אבות זיינען אריבער דעם ים־סוף.

איך האב די גאנצע צייט נאכגעקוקט, זעענדיק אין איר דעם פרילינגס שטורעם, די ענערגיע וואס כ'האב געזוכט אין מיין פאלק.

זי איז געווען געקליידעט אין א שמוציקער, ברוינער קלייד, א געל באפלעקטן קאפטן; אין שווארצע, צעריסענע און אויסגעדרייטע פאנטאפל, און לויזע, געלעכערטע רויטע זאקן. אויף אירע שווארצע האר האט זי געטראגן א געשטריקטן, בלויען, בייוועלנעם הוט.

פון קאפ ביז פיס איז זי געווען באשאטן מיט פעדערן, ווי ערשט ארויס פון היענער־פליקעריי אדער פון א פאגראם.

אבער געטרייסט האב איך זיך, ווען איך האב דערזען איר ריזיקן נאז,

איר געוואלטיקן שנאבל. א מאמע־אדלער אירע קינדער צו באשיצן.

אין איר מעכטיקער יידישער נאז האב איך דערזען דעם זייל, וועלכן דער שאפער פון הימל, מוירער פון ערד און דעקאראטאר פון פרילינג האט אוועקגעשטעלט סאמע אין מיטן פנים פון א פאלק; א פאלק וואס איז אלט, און צעפאלט, און — ווערט אויפסניי איבערגעבויט.

---

## מיטטיילונגען איבער די קומענדיקע שבת-נאכמיטאקס

אין יידישן שעלטער, 63 מענסעל סטריט, א.1. 3 אזייגער.

שבת, דעם 19־טן פעברואר, וועט זיין גאנץ געווידמעט דאס שאפן פון י. ל. פרץ. נאך א קורצן אריינפיר־ווארט וועט די שוישפילע־רין דארא דימענט פארלייענען: „דער משוגענער בטלן“ און „מאניש“ פון י. ל. פרץ, י. ביטש וועט פארלעזן פון חסידיש. מ. וויסגראס „באנטשע שוויג“ און ראכמאן וועט דעקלאמירן די באקאנטע פאעמע „דער בעל עגלה“.

שבת, דעם 27־טן פעברואר, א פייערונג לכבוד 25 יאר רויטע ארמיי. עס וועלן זיך באטייליקן מיט רעדעס און רעציטאציעס משה עובד, י. א. ליסקי, אייזיק גאלדבערג און נאך אנדערע.

שבת, דעם 6־טן מערץ, צום 20־טן יארצייט פון דוד פרישמאן וועט שלמה אויערבאך האלטן א רעפעראט איבער פרישמאנ׳ס שאפן אין יידיש און העברעאיש. די שוישפילערין דארא דימענט וועט פארלייענען פון זיינע ווערק. פרוי מארקוס וועט דערציילן עראינע־רונגען פון פרישמאנ׳ס פערזענלעכן לעבן.

שבת, דעם 13־טן מערץ, וועט דער זשורנאליסט יוסף פרענקל האלטן א רעפעראט איבער די יידיש־עסטרייכישע שרייבער, ריכארד בער־האפמאן, סטעפאן צוויג און אנדערע.

**א. נ. שטענצל.**

6 פענס

---

פארלאג און דרוקעריי, י. נאראדיצקי, לאנדאן.



# פריינט פון יידיש-לשון

---

## פון די יידיש-ליטערארישע שבת-נאכמיטאגס

דער פראקטישער ציל פון די נאכמיטאגס איז קודם־כל צו האבן אן ארט א צוויי שעה אין דער וואך כאטש, ווו יידיש־ריידנדיקע און יידיש־פארשטייענ־דיקע מענטשן זאלן קאנען גייסטיק אויסרוען, א מקום־מנוחה געפינען ווו ס׳זאל זיך ארויסארבעטן פון אונזער שאפן אן אטמאספערע פון געהויבנקייט און א שלות־הנפש — דאס וואס יעדע קולטור איז אין פראקטישן זין קודם פאר זיין פאלק, זאל אונזערע זיין פאר אונז. ליידער איז דאס פאליטישע, און צו אפט אויך דאס פערזענלעכע, אזוי ווייט זיך פארקראכן אין אונזער ארימען יידישן וועלטל און שטייען אזוי אין פאדערגרונד אויף יעדער מזרח־וואנט, אז די מחיצה פון אידעאליסטישן ביז צום געשעפטלעכן איז כמעט שוין אינגאנצן אוועקגענומען.

דאס בית המדרש, דאס חסידים־שטיבל, די סינאגאגע, דאס קינסטלערישע יידישע טעאטער איז געוועזן אמאל דער מקום מנוחה פאר׳ן גייסטיקן איך, דער מקום־קדוש זיך אינערלעך צוזאמענצונעמען. ליידער עקזיסטירט עס היינט נאך קוים פאר א גאנץ קליינעם פראצענטטייל און פאר גאר ווינציקע מא־מענטן.

פאר׳ן אפענעם ארון־קודש, ווו אונזערע איינרייסנדיקע מאמעס האבן אפ־געראטעוועט זייערע שטארבנדיקע קינדער, ווערן איצט געמאכט די בזיונות׳־דיקסטע „ביזנעסלעך“, אז דאס הארץ גייט איינעם איבער בעת מ׳זעט עס; און אויף די טעאטער־ברעטער ווו נעכטן האבן די זעלבע סטארן באמת קינסט־לעריש געשפילט א קלאסישע דראמע, האצקן זיי היינט אויף, אז דו פאר־שטעלסט דיר די אויגן נישט צוצוקוקן, דו ווילסט נישט זען דיין אייגענע חרפה.

די יידיש־ליטערארישע שבת־נאכמיטאגס איז דער פראקטישער פראטעסט אויסדרוק געגן די וועלכע זאגן, אז דאס־א, אקארשט דערמאנטע, דאס קול־טיש־וואדעווילישע „יונייטעד“־גראשענדיקע, איז כלומרשט דער ניוואָ פון אונזער ישוב דא! און ביי מאנכע „גרויס“־פאליטיקער פונ׳ם שלילת־הגאלוס קומט אויס, אז דאס איז שוין דער קולטור ניוואָ חלילה פון אונזער גאנצן פאלק. (דרך אגב נאר: די טיכטיגע פאליטיקער זיינען טאקע א שטיק חייב אין דעם קולטור צושטאנד פון אונזער קיבוץ דא; זיי זיינען אזוי טרוד כסדר מיט זייערע תציל־ממות־פושקעס־קלאפעריי, אז זיי פארגעסן שוין אפילו אונטערצוברומען דעם „צדק לפניו יהלך“. פון שונאים פון דער יידישער מאדערנער קולטור, די אסימילאטארן, איז דאך שוין אפגערעדט!).